עס קלינגט אין טויער:
„אריין"!
באַווייזט זיך, דערשראָקן, א שר,
קלאַפּט מיט די ציין,
פאַלט אויפן פּנים און צאַפּלט אויף דר'ערד:

— „אַ, קעניג מיין,
האָסט פאַר דער וועלט
דיין פּנים פאַרשטעלט;
האָסט גאָרנישט געהערט,
גאָרנישט געזען...
און אצינד איז שוין שפּעט, עס ציטערט דיין טראָן".

ס"ט שפּרינגט אויף: „הער באַראָן,
וואָס איז געשען?

אין קעניגרייך פּוילן
הארט ביי דער גרענעץ,
שטייט זיך א שטעטל
גרויס, ווי א גענעץ.

(כ'רעד נישט פון מקום!)
הערט מען עס זעלטן, —
הייזלעך, ווי ניסלעך;
שמות — געצעלטן!

דרייען זיך ייִדלעך
ארום, ווי די מתים;
מ'האָט קיין פּרנסה,
מ'לעבט פון תעניתים.

אָן האנדל, אָן וואנדל
האָט תורה א קיום,
מ'פּאַשעט למדנים,
ס'וואַקסן עילוים...

וואַקסט אצינד א פרי,
וועט עס פאַרשעמען
פּוילן און ליטע,
פּרייסן און בעהמען...

וועט ער אויסוואַקסן,
לאָזט אים פריי,
זע'מיר פאַרפאַלן,
ביסטו פאַרביי!

מיט אייזערנע ריטער
וועט ער אונדז דרעשן;
און וועט אין גיהנום
ס'פייער פאַרלעשן!

וועט ער אונדז יאָגן
מיט שרעקלעכן האַס,
ברענגען משיחן,
חלילה וחס!"

---

ווי ס"ט האָט די ווערטער דערהערט,
איז אים די שמחה געוואָרן געשטערט,
פלאַמען אים אויף די אויגן רויט,
און ער שוויצט מיט טייוולס קויט,
ווי א קעסל אויפגעברויזט,
לויפט צו לילית מיט דער פויסט...

— „זי איז שולדיק, זי אליין!

די נוס איז הארט,
נאָר, מיין מאַן, ווארט
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין...
ניצחון איז זיס;
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אליין!"

ענטפערט לילית און פאַרשווינדט
אויף די פליגל פון א ווינט. —

*

טראַ־ראַ־ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
האָט נישט ווער ערגעץ
משיחן געזען?

ווען בלאָזט מען שופר?
אלול, נישט תמוז.
צי איז משוגע
געוואָרן דער שמש?

ס'בלאָזט טראָמפּייט,
ס'קנאַלט און קנאַקט,
אָן עקסטרא פּאָסט
קומט אָן פון טראַקט!

בלאָזט די טראָמפּייט,
קנאַקט צו די בייטש,
שטייט מען מיט אָפענע
מיילער: וואָס טייטש?

וואָס טייטש?
געקומען פון דאנציק א דייטש;
האנדלט מיט ווייצן, האנדלט מיט קאָרן,
ס'איז אינעם שטעטל א מחיה געוואָרן,
איינמאָל א קונה! איינמאָל א צאָלער!
ס'בליצן די רענדלעך, ס'בלאַנקען די טאָלער!

פון פאַרשוס אַ רעגן!
פאַרלעגן די פויערן מיט פורן די וועגן,
האַנדלען בטלנים,
שוחטים, דיינים,
מען לויפט, מען קויפט און פאַרשיקט...
נאָט האָט דאָס שטעטל מיט איינמאָל באַגליקט

און ס'איז געקומען אַ גאָלדענע צייט,
מ'טראָגט אין דער וואָכן אַטלעס און זייד —
חתונות מאַכט מען טאָג־טעגלעך כסדר,
באַוואָרפן די שניידער מיט חתונה־קליידער!

עס זענען אָן העגט שוין די קלעזמער געבליבן,
די חופּה צעריסן, די שטאַנגען צעריבן.
מ'האָט שוין פון בדחן קיין כוח צו לאַכן,
מען קריגט שוין קיין וואַקס ניש', הבדלות צו מאַכן.

מ'האָט מיט איינמאָל פאַרגעסן די נויט:
ווער נעמט עס אין מויל, מע באַקט נישט קיין ברויט!
ס'ווערן געגעסן נאָר לעקעך און פלאָדן,
און משקה — צום באָדן!

האָט דער דייטש זיך מיטגעבראַכט
איין איינציק טעכטערל — אַ פּראַכט:
גאָלדענע לאָקן ביז די פיס,
אויגעלעך העלע, ווי די שטערן,
און אַ קול — אַ פרייד צו הערן,
האָניק־זיס,
און אין סאַמעט איינגעהילט!
רעדט זי, גלייך אַ פידל שפּילט!
לאַכט זי — אַ קאַסקאַדע פרייד!
און דער טרעגער אונטער דער לאַסט,
און אין קלויז, דער פּרוש, וואָס פאַסט,
נאָר מען לאַכט, קינד און קייט!



דאָך דער עיקר איז דאָס לידל,
ס'רעדט אַ פידל, ס'זינגט אַ פידל...
עס ווערט אַזוי זיס, ס'ווערט אַזוי באַנג...

מאַניש לערנט שוין לאַנג אין קלויז,
און טאָג אויף טאָג פאַרביי דעם הויז
מיט זאַנג און קלאַנג
גייט ער אין דער קלויז אַריין,
און ער שטעלט זיך אָפּ אין טויער,
זאָפּט די לידער איין אין אויער.
און ס'פאַרשיכורט אים ווי וויין, —
(אַ זינדיקן מענטשן, עפר ואפר!)
נעמט דערנאָכדעם זיך צום ספר,
שווימען די זעלבע ניגונים אַרויס,
זינגט זיי שטונדן אויפן זייגער,
און עס הערט פאַרבליפט די קלויז:
נישט קיין וואָלאַך, נישט קיין שטיינער,
און עס ציט די קליי אַרויס...

אַ חבר קוקט,
זעט ער, מאַניש זיצט פאַרצאַנט,
און פאַרציטערט, ווי אין פיבער,
און אַ שטערן בלאַס, ווי קרייד,
און פאַרקוקט ערגעץ ווייט
פון פענצטער אַרויס, פון ספר אַריבער. —
אוי, וואָס איז דיר, מאַניש, זאָג? — —
און אַזוי טאָג אויף טאָג,
טאָג אויף טאָג!
זעט די מוטער, ווי מאַניש פאַרשווינדט:
— „וואָס איז דיר, מיין קינד?
ווער האָט פאַרלאָשן, וואָס פאַר אַ ווינט,
די אויגעלעך דיינע, די שיינע הבדלות?
ווו האָסטו גענומען ניגונים — יללות?



פלעגנסט דאָך זינגען נאָר אַנדערע זאַכן,
ס'פלעגט דאָך פאַר תענוג ס'האַרץ אין מיר לאַכן
ביים חזן אין שיל, צי שבת ביים טיש;
ווי אַ פויגל פריי, ווי אַ גלעקל פריש,
היינט — עפּעס אַנדערש זינגט פון דיר אַרויס,
וואָס איז דיר, מיין קינד, דער מאַמען זאָג אויס;
עס שרעקט זיך די מאַמע דיין!"
— „וויים איך דען, מאַמע, וואָס ס'זינגט אין מיר?
כ'וויל גאַרנישט זינגען, עס זינגט זיך אַליין!
ס'פליען די קולות, ווי פייגל פון נעסט...
און אַזוי זינגט זיך, אַזוי ווי דו זעסט!"

* *
*

און אין מקום איז געוועזן
פון קדמונים אַ מפּולת:
(כ'וויל נישט נעמען אויף משקולת, —
פון אַ קלויסטער, צי אַ שלאָס;
כ'גיב עס איבער אות באות,
כ'האָב עס אין אַ בוך געלעזן . . .)

ווינען לצים אין דער חורבה,
און מען קרייט דאָרט און מע לאַכט,
און זיי בילן, און זיי מיאַוטשען,
און זיי שרעקן נאַכט אויף נאַכט.

וואַרפן שטיינער פון די לעבער,
איבער הייזער, איבער דעכער,
און אויפן דאָך
גייט אויף דער וואָך
אַרום אַ הונט, קודלאַטע, ווילד,
וואָס האָט קיינמאָל נישט געבילט,
נאָר געשטשירעט מיט די ציין...
מילא, ציטערט הויט אוןביין,